גליון 208
כי תבוא תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### דֶער בַּארְג אוּן דִי מַטְבֵּעַ

**דֶער מְנַהֵל פוּן חֵדֶר קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד,** עֶר הָאט אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, "מָארְגְן וֶועט מֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה. קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן זִיךְ פַארְהֶערְט אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא אוֹיף אוֹיסְנֶווייניג, עֶס קוּמְט זִיךְ עֶנְק אַ שֵׁיינֶעם שְׁפַּאצִיר."

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, דִי קִינְדֶער דְרַייעֶן זִיךְ צְוִוישְׁן דִי הֶערְלִיכֶע בֶּערְג, זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפּ בַּיי אַן אוֹיסְקוּק, פוּן דָארְט זֶעט מֶען הֶערְלִיכֶע פַּאנַארַאמֶעס. מֹשֶׁה'לֶע רוּפְט זִיךְ אָן: "כְ'הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע בֵּיימֶער!", יַענְקֶעלֶע רוּפְט אוֹיס מִיט וואוּנְדֶער: "קוּק דָארְט אוּנְטְן צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג פְלִיסְט אַ קְוַואל וַואסֶער וָואס טְרִינְקְט אָן דִי פֶעלְדֶער!" אוּן נַחְמָן רוּפְט אוֹיס: "קוּק דָארְט צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג וִוי עֶס וַואקְסְן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע גְרָאזְן אוּן זֶעלְטְן שֵׁיינֶע הוֹיכֶע בַּאצוֹיבֶּערְטֶע בֵּיימֶער!"

דִי קִינְדֶער זֶענֶען פוֹל מִיט עֶקְסְטַאז צוּ זֶען דִי מֶעכְטִיגֶע בֶּערְג אוּן רִיזְן פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער. זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל פְרִיעֶר נִישְׁט גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע שְׁטֵיינֶערְנֶע בֶּערְג. עֶרְשְׁטוֹינְט שְׁפַּאצִירְן זֵיי אַרוּם, וֶוען זֵייעֶרֶע אוֹיגְן בַּאגֶעגֶענֶען פְלוּצְלוּנְג אַ רִיזְן מֶעכְטִיגֶע בַּארְג וָואס זַיין הֵייךְ קוּקְט אוֹיס וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט.

"וַואה, קוּק קוּק!" שְׁרַייעֶן זֵיי אוֹיס אִיבֶּערְרַאשְׁט. "דֶער בַּארְג גֵייט בִּיזְן הִימְל... כְ'מֵיין אַז עֶס נֶעמְט אַפָּאר יָאר צוּ דֶערְגְרֵייכְן דֶער שְׁפִּיץ!"

זֵיי ווילְן נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען קַיין אוֹיג פוּנֶעם בַּארְג אֲפִילוּ פַאר אֵיין סְקוּנְדֶע, נִישְׁט יֶעדְן טָאג בַּאגֶעגְנְט מֶען אַזֶעלְכֶע בֶּערְג.

צְווישְׁן אַלֶע קִינְדֶער הָאט אֵיין יוּנְגֶל אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פוּן וָואס עֶנְק רֶעדְן דָא מִיט אַזַא הִתְפַּעֲלוּת. אִיךְ זֶע גָא--ארְנִישְׁט, נִישְׁטָא קַיין אֵיין בַּארְג..."

דִי קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף אִים אַ בְּלִיק. זֵיי בַּאטְרַאכְטְן זַיין פָּנִים אוּן רוּפְן אוֹיס, "זִיכֶער זֶעסְטוּ גָארְנִישְׁט, הָאסְט אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן. וָואס הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט, אַז סְ'אִיז דוּרְכְזִיכְטִיג?! דִי שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן שְׁטֶערְן דִיר צוּ זֶען דִי הֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶעעֶן דָא. אַלֶעס אִיז דִיר פַארְשְׁטֶעלְט, נֶעם אַרָאפּ דִי בְּרִילְן וֶועסְטוּ זֶען אַ הוֹיכֶע בַּארְג וָואס אִין דַיין לֶעבְּן הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא שֵׁיינְקַייט."

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז אַ מָשָׁל אַז סְ'אִיז פַארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע זוּן וֶועלְכֶע שַׁיינְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַארְהַאן אַ גְרוֹיסֶע בַּארְג, וָואס טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטֶנְס אוּן לֵייגְן אִיבֶּער זַיין אוֹיג אַ קְלֵיין מַטְבֵּעַ, וֶועט עֶר נִישְׁט זֶען דֶעם גְרוֹיסְן בַּארְג, טְרָאץ דֶעם וָואס דֶער בַּארְג אִיז טוֹיזְנְטֶער מָאל גְרֶעסֶער פוּן דֶער מַטְבֵּעַ.**

**דֶער נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אַלֵיין אַז יֶעדֶעס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט אֵיין קְלֵיינֶע מִשְׁנָה, אַן 'אָמֵן', אָדֶער מֶען אִיז מְוַותֵּר פַאר אַ חַבֵר, מֶען רֶעדְט אַרוֹיס עֶפֶּעס אַ וָוארְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָא אוּנְטְן קוּקְט עֶס אוֹיס פִּיצְל קְלֵיין אָבֶער אוֹיבְן אִיז עֶס רִיזִיג גְרוֹיס, עֶס דֶערְגְרֵייכְט בִּיז צוּם הִימְל. מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן אִיר וֶוערְד, סְ'אִיז אַסַאךְ טַייעֶרֶער פוּן דִי גֶעלְט אוּן כָּבוֹד פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.**

**נָאר וָואס דֶען? דִי גַשְׁמִיּוּת פוּן דֶער וֶועלְט דֶעקְט אִיבֶּער דִי רוּחָנִיּוּת וִוי שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן אַזוֹי אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זֶען דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט פוּן דִי מִצְוָה. דֶערְפַאר מַאכְט זִיךְ אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט אוּן פְרֵיילִיךְ בַּיים טוּן דִי מִצְווֹת. וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג אָפְּשַׁאצְן דִי טַייעֶרְקַייט פוּן דִי מִצְווֹת? מִיר זָאלְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי אַלֶע עוֹלָם הַזֶה'דִיגֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין קוּקְן אוֹיפְן רוּחָנִיּוּת מִיטְן רִיכְטִיגְן בְּלִיק.**

(קוּק אַרַיין אִין תּוֹרָה קל"ג צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם מָשָׁל)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (11)

**הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶער מְמוּנָה.** און אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. **און עֶר הָאט גִיבֶּעטִין דִי לַייט פוּן דֶעם גִבּוֹר.** אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. זֵיי וֶועלִין מֶעלְדִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין. אִים אַרַיין לָאזִין. **אִיז דֶער מְמוּנָה אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקָאנְט. אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת און בְּכִיּוֹת כַּנַ"ל (דְהַיינוּ זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען זִיךְ גִיפִינֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין. און הָאבִּין ווידֶער זֵייעֶר גִיוֵויינְט. ווי נֶעמְט מֶען נָאךְ דִי אִיבְּרִיקֶע לַייט הַנַ"ל)

**הָאט דֶער גִבּוֹר זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּם מְמוּנָה.** אוּנְזֶער כָּשֶׁרֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ דָא. און אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גִיזֶעהְן. און עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מְמוּנָה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר.** אַז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע דְהַיינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַ"ל. **נָאר אִיבֶּער זֵיי בֵּיידֶע** אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען דְהַיינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. **הָאט דֶער מְמוּנָה גִישְׁמוּסְט** מִיט דֶעם גִבּוֹר מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין און זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט. **הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט** דֶעם מְמוּנָה. דָאס וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. **אַז וֶוער סֶע פַאלְט אַרַיין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וְכוּ' כַּנַ"ל.** הָאבִּין זֵיי וַוייטֶער מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען דְהַיינוּ דֶער מְמוּנָה הָאט גִיפּוֹעֶלְט בַּאם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל דֶער מְדִינָה נָאךְ גִיבִּין אַ צַייט וַוייטֶער. הָאט זֵיי דֶער גִבּוֹר גִיגִיבִּין נָאךְ אַ צַייט. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר. **און דֶער מְמוּנָה אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען** פוּן דֶעם גִבּוֹר און עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

(און דֶער מְמוּנָה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַודַאי אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטְרָאפִין אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶעם גֶעלְט. נָאר עֶר הָאט זֵיי נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זֵייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט מַחְמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה און דֶער מְמוּנָה הָאבִּין שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. און זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא. נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. חָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיהַלְטִין שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה. און הָאבִּין גָאר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָארְט זָאגִין אַז מֶע הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט). **הָאט דֶער מְמוּנָה זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ דֶער מְדִינָה. אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבִּין אֵיין עֵצָה** (אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר) **וָוארִין** אִיךְ וֵוייס דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם גִבּוֹר. פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט זַיין גְבוּרָה. און הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער גִבּוֹר זַיין גְבוּרָה. בְּכֵן וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. און דָארְךְ דֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר. (וָוארִין אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען גְבוּרָה פוּן דָארְט).

**און דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם מְמוּנָה אִיז גִיוֶוען.** אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין אַהִין קוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד. וֶועלִין זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. (וָוארִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. דָארְךְ דֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט כַּנַ"ל).

**הָאט דִי מְדִינָה צוּ גִינוּמֶען זַיין עֵצָה.** און הָאבִּין אַרוֹיס גִישִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין. אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנָה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. (און דִי גָאטִין דְהַיינוּ דִי עֲשִׁירִים זֵייעֶרֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה. זֶענֶען בְּוַודַאי גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן אִין צִירוּנְג פוּן גָאלְד און זִילְבֶּער. וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען). **זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען.** דֶער מְמוּנָה מִיט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הֵייסִין בַּיי זֵיי גָאטִין.

הָאט דֶער מְמוּנֶה מוֹדִיעַ גִיוֶועְן דִי זַאךְ צוּ גִבּוֹר. בַּאֲשֶׁר עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכִין דָאס אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶועְרְד. אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז. טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין וֶועג צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט.

**הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר אָנְגִירוּפִין.** אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר פַארְשְׁטֶעלְט. (כְּדֵי דִי לַייט וָואס זֵיי גֵייעְן מִיט דֶעם מְמוּנֶה זָאלִין נִיט וִויסִין אַז עֶר אִיז דָאס דֶער גִבּוֹר אַלֵיין) **אוּן אִיז אוֹיךְ** גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועְן** (דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר) זֵיי וֶועלִין דָאס מוֹדִיעַ זַיין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיךְ. הָאבִּין זֵיי אִים מוֹדִיעַ גִיוֶועְן. הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. עֶר וִויל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיגַאנְגֶען.** אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אָנְגִיזָאגְט זַיינֶע לַייט. אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אַז זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין אַז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר וֶועג. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט תָּמִיד דְרוֹיף מִתְפַּלֵל צוּ זַיין. אַז סֶע זָאלִין זִיךְ אָפְּזִיכִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט.

**אוּן פְלֶעגְט תָּמִיד הֵייסִין זַיינֶע לַייט אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט תְּפִילוֹת וָואס זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן אִיצְט ווִי עֶר הָאט גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶער גִבּוֹר כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין זוּכִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאט עֶר זֵיי נָאךְ מֶער אָנְגִיזָאגְט. אַז זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין תָּמִיד. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען זֵיי.**

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען** צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז בְּוַודַאי צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת כַּנַ"ל.

**זֶענֶען דִי אַלֶע דְרַיי גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם.** דְהַיינוּ דֶער מְמוּנָה אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן דִי גָאטִין דְהַיינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען.** זֶענֶען זֵיי אָנְגִיקוּמֶען צוּ

אֵיין מְדִינָה. אִיז דָארְטִין גִישְׁטַאנֶען וַוארְטִיס בַּיי דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ. הָאבִּין דִי וַוארְטֶעס גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר. דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶועְן. וָואס דֶעמוּלְט אִיז דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף כַּמָה כִּתּוֹת (דְהַיינוּ אוֹיף פִיל דֵעוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּתָּה הָאט גִיהַאט אֵיין אַנְדֶערֶע דֵעָה כַּנַ"ל) דֶעמוּלְט הָאבִּין דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין.

**אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.** אוּן הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען אַ גְרוֹיסִין חָכָם פַאר אַ מֶלֶךְ. נִיט לַאנְג. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסִין חָכָם וָואס עֶר אִיז מְשׁוּנָה אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. הָאט אִים דֶעם מֶלֶךְ מוֹחֵל גִיוֶועְן דִי מְלוּכָה הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר חָכְמָה.

**הָאבִּין דִי דְרַיי גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער חָכָם (דְהַיינוּ דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ אַז מֶע זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין זֵיי אַרַיין גֵיין.

**זֶענֶען זֵיי** (דְהַיינוּ דִי דְרַיי) אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט וָוארִין דֶער חָכָם. דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶועְן דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל. אִיז בְּוַודַאי דָארְט גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט ווִי גִיפִינְט מֶען נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע.

**הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם חָכָם.** אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִיט פוּן דֶער יַד פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז דִי יַד אִיז בַּיי אִים. נָאר זִינְט דֶעמוּלְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּ שְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוּחַ סְעָרָה. פוּן דֶעמוּלְט אָן ווִיל עֶר גָאר נִיט אַרַיין קוּקִין אִין דֶער יַד אַרַיין. וָוארִין דִי יַד קֶער נָאר צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין. נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף אַ שְׁטֵיין כְּדֵי סֶע זָאל אִים אַבִּיסִיל נוּצִין צוּ זַיין זַאךְ. אָבֶּער אִין דֶער יַד אַלֵיין קוּקְט עֶר גָאר נִיט אַרַיין.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר'הערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (11)

**א. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ☐ גרויסע שמחות
- ☐ געוויין
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ☐ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ☐ דעם מלך און די מלכה
- ☐ דעם חכם און דעם מליץ

**ג. וואס ענטפערן די מדינה של עשירות פאר דער ממונה ווען ער פרובירט זיי אויפווייזן דעם אמת?**
- ☐ אונז ווילן נישט הערן
- ☐ אדרבה נעמט אונז ארויס פון אונזער נארישקייט
- ☐ זיי האבן גלייך אפגעלאזט תאוות ממון

**ד. וועלכע עצה האט זיי דער ממונה געגעבן?**
- ☐ אז מ'זאל גיין צום יד פון דעם חכם
- ☐ אז מ'זאל גיין צום בויגן פון דעם גבור
- ☐ אז מ'זאל גיין צום פלאץ פון דעם שווערד

**ה. וועמען האבן זיי מיטגעשיקט מיט דעם ממונה?**
- ☐ די עשירים וואס זענען ביי זיי גאטין
- ☐ די ארימע לייט וואס זענען ביי זיי חיות
- ☐ די פשוטע מענטשן

**ו. *שאלת חכמה: וואס איז געווען די כוונה פון דעם ממונה מיט'ן גיין צום שווערד?***
- ☐ *צו ארויס נעמען די מדינה של עשירות פון תאוות ממון*
- ☐ *צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע מענטשן*
- ☐ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ז. האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואוסט אז דער גבור איז מיט זיי?**
- ☐ זיכער
- ☐ נאר איינער האט געוואוסט
- ☐ זיי האבן נישט געוואוסט

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געטוהן ווען ער האט געהערט אז זיי גייען?**
- ☐ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ דאווענען
- ☐ ער איז צוריק ארויס חוץ לישוב
- ☐ ער איז אויך געגאנגען מיט זיי

**ט. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ☐ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**י. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין יד?**
- ☐ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ☐ ווייל דאס איז נאר פאר'ן מלך
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

**ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגן דער ערשטער אויפן וועג צום שוורד ?**
**און וויפל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען ?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

אין וועג וואס די שלוחים פון די מדינה של עשירות זענען געגאנגען און זיי האבן געטראפן דער ממונה אויף די אוצרות - זיי האבן געגאנגען אויף זייער וועג וואס זיי האבן געוואלט גיין? **זיי האבן פארבלאנדזעט געווארן**

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָואְרט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com